# מיט א טיפערן בליק
# פרשת נצבים - וילך תש"פ
# די שיינקייט פון א וואַסער שעפער!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים!

משה רבינו אין דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן זאגט ער אונז **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ וגו'** - איהר שטייט היינט, 'אלע' פון אייך פאַר הקב"ה אייער ג-ט, צווישן אייך געפונען זיך די הויפטן פון יעדן שבט, די חשובע לייט, און די שוטרים, די מענער, קינדער, ווייבער, און אויך דער גר צדק וואס געפינט זיך אין דיין מחנה, פון דער האלץ האקער ביז דער וואסער שעפער... אז די זאלסט אריבערגיין אין דעם בונד פון הקב"ה דיין ג-ט און אין זיין שבועה וואס הקב"ה שליסט מיט דיר היינט.

ווי נאר מען לערנט די פסוקים פרעגט זיך, א. אויב שטייט אין פסוק 'כלכם' פארוואס דארף מען דערנאך אויסרעכענען יעדן באזונדער? ב. ווי מיר באמערקן טוט די תורה הקדושה דערמאנען יעדן באזונדער, נו גאנץ פארשטענדליך ווען ס'קומט צו די ראשי עם, די זקנים, וכדומה, אבער פארוואס עפעס באזונדער דערמאנען די האלץ האקער און וואסער שעפער? נאך מער, אז מען טראכט אריין אין די ערשטע חלק פסוק, זעהט מען אז ס'שטייט בלויז מיט א ככליות'דיגע שפראך ראשיכם, שבטיכם, זקניכם, אבער ווען ס'קומט צום צווייטן חלק דער האלץ האקער און וואסער שעפער שטייט ארויסגעשריבן זייער פונקטליכע ארבעט, בפשטות וואלט געדארפט שטיין 'די ארבעטסלייט' וכדומה, נו אויב אזוי פרעגט זיך פארוואס שטייט ארויסגעשריבן האלץ האקער און וואסער שעפער?

זאגט **רש"י הקדוש: למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות, לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים חוץ ממ"ט שבתורת כהנים הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו התחיל משה לפייסם אתם נצבים היום הרבה הכעסתם למקום ולא עשה אתכם כלייה והרי אתם קיימים לפניו: היום - כיום הזה שהוא קיים והוא מאפיל ומאיר כך האיר לכם וכך עתיד להאיר לכם וכו'** – ווען די אידן האבן געהערט דעם ריזיגן צאל פון קללות (כמעט הונדערט וואס ווערן דערמאנט אין פרשת כי תבוא, און נאך 49 אין פרשת בחוקתי) איז זייער פנים ממש 'גרין געווארן' פון שרעק, און משה רבינו האט זיי אנגעהויבן מְפַייס צו זיין מיט רייד: "אתם נצבים" איר זעהט אז איר שטייט נאך אלס פאר השי"ת, כאטש עטס האט שוין אסאך מאל דערצערנט דעם אייבישטער, דאָך האט ער ענק נישט פאַרלענדט. "היום" פונקט ווי די סדר פונעם 'טאג' וואס ס'ווערט טונקל און דערנאך לעכטיג, אזוי האט השי"ת באלאכטן פאר אייך ביז היינט, און ער וועט ווייטער שטענדיג באלייכטן פאר ענק.

לערנדיג די ווערטער פון רש"י פרעגט זיך, וואס איז פשט אז אונזער רבי טוט אונז בארואיגן, בפשטות איז דאך די תכלית פון די תוכחה צו דערשרעקן דעם איד, אויב אזוי, פארוואס זאל משה רבינו אונז בארואיגן? איבערהויפט דארף מען פארשטיין וואס באדייט די לשון 'הוריקו פניהם' אז זיי זענען געווארן גרין, ס'וואלט געקענט שטיין סתם אז זיי זענען געווארן פארשעמט אדער דערשראקן, 'הוריקו' איז משמע אז ס'האט א ספעציעלע כוונה?

שפעטער אין די פרשה טרעפן מיר די פסוק זאגט: **רְאֵה נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַיּוֹם אֶת הַחַיִּים וְאֶת הַטּוֹב וְאֶת הַמָּוֶת וְאֶת הָרָע... הַעִדֹתִי בָכֶם הַיּוֹם וגו' הַחַיִּים וְהַמָּוֶת... הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה,** און די תורה הקדושה באפעלט, **"וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים"** דו זאלסט אויסוועלן אין לעבן. רש"י ברענגט א משל ווי א טאטע לערנט אויס און גיבט אַן עצה פאר זיין זוהן און ער זאגט איהם "בחר לך חלק יפה בנחלתי" זאלסט נעמען די בעסטע חלק, אזוי אויך רעדט אונז הקב"ה צו אז מיר זאלן בוחר זיין אין די גוטס, אין די רוחניות'דיגע לעבן. וואס לכאורה פרעגט זיך א לאָגישע פראגע, ווער וויל דען נישט אויסוועלן דאס בעסטע, צו דען דארף מען 'צורעדן' א קינד אז ווען ס'געפונט זיך פאר איהם חַיִּים און בְּרָכָה, אדער קעגן דעם מָוֶת און קְלָלָה ח"ו, אז ער זאל גיין אויסוועלן לעבן און גוטס.

דבר בעתו מה טוב, בפרט ווען מיר שטייען יעצט אין די טעג פון אלול, טעג וואס מיר בעטן דעם זכרנו לחיים, לאמיר זיך פארטיפן צו פארשטיין דעם "ובחרת בחיים", און בעזר ה' זוכה זיין ארויסצונעמען פון אונזער פרשה די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פארן טאג טעגליכן לעבן.

צו פארשטיין אונזער שמועס לאמיר אָפלערנען א באקאנטע מעשה וואס ווערט דערציילט פונעם בעל שם טוב זי"ע. **הרה"ק רבי וואלף קיצעס זי"ע** וואס איז געווען פון די גדולי תלמידי הבעש"ט, האט געדינט אלס בעל תוקע ראש השנה ביים **הייליגן בעל שם טוב זי"ע.** צדיקים האבן דערציילט אז אמאָל פאר ראש השנה האט דער בעש"ט געלערנט מיט רבי וואלף אלע 'כַּוָּנוֹת' און טיפע סודות וואס ער זאל אינזינען האבן בשעת ער בלאָזט מיט'ן שופר, און רבי וואלף האט אפגעשריבן אלע כוונות אויף א צעטל, ער האט דאס אריינגעלייגט אין זיין מחזור, און זיך געגרייט מיט א ציטער צו די הייליגע מצוה פון תקיעת שופר. ווען רבי וואלף איז ארויסגעגאנגען א מינוט פון בית המדרש, האט דער בעש"ט אוועקגענומען דאס צעטל פון זיין מחזור און עס באהאלטן. רבי וואלף איז צוריקגעקומען און ער נעמט זיך זוכן זיין צעטל, אבער ער קען עס נישט געפונען, און דערווייל ווערט שוין שפעט, און דער עולם שטייט און ווארט שוין אויף די תקיעות. נישט האבענדיג קיין אנדערע ברירה איז רבי וואלף געגאנגען מיט א צובראכן הארץ בלאזן שופר אָן די אלע כוונות וואס ער האט זיך צוגעגרייט.

נאָכ'ן דאווענען האט דער בעש"ט זי"ע אויסגעלויבט די תקיעות פון רבי וואלף, און דער בעש"ט האט איהם געזאגט: זאלסט וויסן אז די כוונות זענען טאקע זייער חשוב, זיי זענען אזוי ווי א שליסל צו עפענען די טויערן פון הימל, אבער נישט אלעמאָל קען א שליסל אויפמאכן דעם שלאָס, בפרט אויב דער שלאס איז שוין געווען צוגעמאכט א לענגערע צייט און עס איז שוין פאַרהאַקט און פאַרזשאַווערט, דאַן איז גאר שווער צו עפענען מיט א שליסל. **"אבער א צובראכן הארץ, מיט א הייסע תמימות'דיגע תפילה פון א איד"** האט דער בעש"ט זי"ע אויסגעפירט "דאס איז שטערקער ווי אלעם, עס איז ווי א האַק וואס קען אויפברעכן און אויפהאקן אלע טויערן"...

לאמיר זיך פארטיפן און ריכטיג אפלערנען די הייליגע מעשה, וואס איז טאקע פשט? וואס ליגט אין דעם געדאנק אז ס'איז פארהאן עפעס מער און שטערקער ווי די אלע טיפע הייליגע כוונות?! נאר פשט איז אז ס'איז פארהאן אַן עבודה

פון תמימות בעבודת ה', צומאל (אדער גאר צו אָפט) מאכט אונז דער יצר שפירן ווי אונזער פשוטע עבודה איז גארנישט. דער מענטש פאנגט אָן צו זוכן נאר גרויסע זאכן, ריזיגע פראיעקטן, שווערע קבלות... פארשטייט זיך אז וואויל איז פאר דער וואס קען זיך טאקע אונטער נעמען און מקיים זיין אזעלכע סארט זאכן. וואס מיר שמועסן אבער איז דעם שרעקליכן יצר פון מאכן דעם מענטש שפירן קליין און געפאלן ביי זיך כאילו אונזער טעגליכע פשוטע עבודה איז גארנישט, אז מקיים זיין די רצון ה' כפשוטו, דאס קליין ביסל הארץ וואס א איד לייגט אריין אין זיין דאווענען, די מעשים טובים און חסדים וואס מ'טוט כסדר, די געפיל און איבערגעגעבנקייט וואס איעדע אידישע טאטע און מאמע לייגן אריין אין זייער שטוב, די קליינע פעולות און מצוות וואס מיר טוען פיר און צוואנציג שעה א טאג, דאס אלעס איז גארנישט ח"ו. דער יצר הרע מיט זיין כוח נעמט אוועק פון דעם אלעם די אמת'ע ווערד און חשיבות, אז מיר זאלן נישט זיין צופרידן מיט די אוצר וואס מיר פארמאגן.

**דער בעל שם הקדוש לערנט אונז, אז טאקע די פשוטע מחשבה פון א איד, די תמימות'דיגע בלאז מיט א שופר אָן קיין סודות און כוונות, איז בעצם דאס גרעסטע, מיר האבן גאָר נישט קיין השגה וויאזוי די זאכן ווערן געמאסטן אויבן אין הימל, און ווי טייער און חשוב דאס איז ביים בורא עולם אונזער ליבליכער טאטע, יא די פשוטע עבודת ה', א קריאת שמע ליינען, נעגל וואסער, א ברכה, א קאפיטל תהלים, די טאג טעגליכע מצוות פון א איד אויף זיי שטייט די וועלט.**

[בדרך אגב איז כדאי צו דערמאנען א ווארט וואס ווערט געברענגט פון **הרה"ק רבי מרדכי יוסף פון איזביצא זי"ע**, אויפן פסוק אין פרשת כי תבוא - די פרשה פון ביכורים וואו עס שטייט **וּבָאתָ אֶל הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ וגו'**, ווי מיר ווייסן איז די לשון 'והגדתי' א לשון פון שארפע רייד, דברים הקשים כגידין, וואס איז דא די דברים קשים ווען א איד קומט מיט זיינע ביכורים אין בית המקדש. נאר די כוונה איז, וויבאלד דער כהן געפונט זיך א גאנצן טאג אין בית המקדש און איז עוסק אין די גרויסע הייליגע עבודה, און ער קען פילן ביי זיך אז ער איז זייער דערהויבן און חשוב. אבער פלוצלינג ווען ס'קומט צו גיין דער פשוטע פעלד ארבעטער מיט זיינע ביסל פרוכט, און ער שטעלט זיך פארן אייבישטער אין בית המקדש, פלוצלינג ווערט נתברר אז ביי השי"ת איז יענער שווערע ארבעטער גארנישט ווייניגער ווערד פונעם גרויסן כהן. און דאס איז די דברים הקשים וואס די כהנים האבן געפילט ווען זיי האבן געזעהן די חשיבות אפילו פון די גאר פשוט'ע אידן.]

וויפיל מער און שטערקער איז דאס נוגע אין אונזער היינטיגע וועלט אין וועלכע מיר לעבן, ווען אלעס דרייט זיך נאר ארום 'גרויסע' זאכן, גרויסע נייעס, גרויסע קאמפעני'ס, גרויסע בנינים, גרויסע געלטער, גרויסע חתונות, און אזוי ווייטער וכדומה. ווען ס'קומט אבער צום וועלט פון אמת, פון רוחניות און עבודת ה' דארט איז עס ממש די פארקערטע, יא פארשטייט זיך אז יעדער איד צילט צו גרויסקייט, אבער **"די גרעסטע גרויסקייט איז ווען מען אנערקענט אז די קלייניגקייטן זענען גרויס"**... ווען מיר פארשטיין און דערהערן אז ס'איז נישט די גרויסע זאכן וואס מאכן אונז זיין געטרייע עובדי השי"ת, נאר ס'איז דייקא די אלע צענדליגע קליינע מצוות און פעולות וואס מיר טוען גאנצע 24 שעה פונעם מעת לעת, דאס איז וואס מאכט אונז זיין אמת'ע עובדי ה', אט דאס איז א יסוד עצום אין אונזער טעגליכע עבודת ה', צו דערהערן אז אונז פשוטע אידן מיט אונזער קליינע עבודה זענען גאר גרויס און גארנישט אזוי פשוט, און טאקע **"די פשטות איז אונזער שיינקייט, און די קליינקייטן איז אונזער גרויסקייט"**... דאס עצם מציאות אונזערע איז א מציאות פון פילע קלייניגקייטן וואס אלעס צוזאמען רופט אויס דעם מציאות פון א איד!

אין די נוסח התפילה בעטן מיר ללמוד וללמד – מיר בעטן צו קענען לערנען און אויסלערנען פאר אנדערע, זאגט מען נאך פון צדיקים אז א איד האט אמאל געפרעגט "איך בין נישט קיין מגיד שיעור, אויך בין איך נישט קיין גוטע בעל מסביר, אויב אזוי וואס בעט איך ביי דעם ללמוד וללמד?" האט דער צדיק געענטפערט א איד איז א מציאות פון אויסלערנען! דאס עצם מציאות פון זיך פירן ווי איד, דאס לערנט אויס פאר אנדערע און ס'האט א השפעה אויף אלע ארומיגע, וואו א איד גייט און שטייט טוט ער פארשפרייטן און מקדש זיין שמו יתברך. וואס דאס מיינט אין אנדערע ווערטער, אז דער פשוט'ער איד איז 24 שעה א מגיד שיעור און א מרביץ תורה פאר א רבים, און טאקע מיט די גאָר קליינע פעולות זענען מיר מקדש שם שמים אויף די וועלט, מיר שטעלן אויף תלמידים וואס וועלן דאס ווייטער טוהן, אזוי אז אונזער פשוטע מציאות באלייכט די וועלט.

אט הערטס א קליינע מעשה: איך געדענק מיט עטליכע יאר צוריק בין איך געפארן מיט א טעקסי זייענדיג אויפן וועג פון בני ברק קיין ירושלים אין די שפעטע נאכט שעה'ן. דער דרייווער איז געווען אַן עלטערע איד פון בני ברק, און מיר האבן זיך צושמועסט, צווישן אנדערע האט ער מיר דערציילט איבער זיין סדר היום, צופרי בין איך אין כולל, נאכמיטאג בין איך אין שטוב מיט די קינדערלעך, און ביינאכט פראביר איך מאכן פרנסה. האב איך אים געפרעגט פארוואס ער דרייווט אזוי שפעט, צו איז נישט גרינגער צו דרייוון בייטאג און לערנען ביינאכט ווי דער מנהג העולם אז במשך דעם טאג ארבעט מען, און ביינאכט גייט מען צום שיעור?

ווי ערשטוינד בין איך געווען ווען ער האט מיט די גרעסטע תמימות געענטפערט: איך בין דאָך א דרייווער, איך פאָר ארום אין די גאסן, במשך דעם טאג איז עס נישט גוט פאר מיינע אויגן, איך פראביר צו ארבעטן אויף שמירת עינים און היטן מיינע אויגן ווי עס דארף צו זיין, דערפאר לערן איך בייטאג, און ביינאכט ווען די גאַסן זענען ליידיג טראָג איך אידן אהער און אהין. און ער לייגט צו מיט א פשטות, **"כאטש ביינאכט איז אסאך מאל נישט דא קיין ארבעט, אלעס שלאפט, דאָך בין איך רייך, ווייל מיינע אויגן בלייבן טייער"**... אט דאס זענען די הארציגע 'פשוטע' ווערטער פון א 'פשוטע' טעקסי דרייווער.

צומאל איז עס די פשוטע ווערטער פון פשוטע אידן וואס האבן די גרעסטע און שטערקסטע רושם אז ס'איז פשוט אומבאשרייבליך, ווען ס'קומט צו עבודת ה' ווייסן מיר נישט וואס איז גרויס און וואס איז קליין. דער יצר פראבירט אונז כסדר איינצורעדן און אוועקמאכן דאס און יענץ, די פעולה איז נישט וויכטיג און יענע פעולה איז נישט חשוב, ער פירט אייגענע סארט חשבונות אויף וואס איז צו קליין און וואס איז גארנישט ווערד ח"ו, און אזוי צוברעקלט ער פארנט פון אונזערע אויגן די גרעסטע און חשוב'סטע פעולות, און ער זוכט צו צוברעכן דעם איד. און טאקע קעגן דעם קומט אונזער הייליגע רבי משה רבינו אין די לעצטע טאג פון זיין לעבן און זאגט אונז:

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל, טַפְּכֶם נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ וגו'** – ווען ס'קומט צו עבודת ה', ווען ס'קומט צו שטיין 'לפני ה' אלקיכם' פארן בורא עולם אונזער ליבע טאטע, דארט איז אלעס איין, דארט שטייען מיר אלע גלייך, יא דער פשוטע וואסער שעפער, דער תמימות'דיגע האלץ האקער שטייט צוזאמען מיט די ראשיכם, פארשטייט זיך אז איעדע פון אונז האט זיין תכלית, זיין אויפגאבע און שליחות אויף די וועלט, אבער ווען ס'קומט צו שטיין פארן מלך העולם קומען מיר אלע צוזאמען, יעדער מיט זיין וועג און זיין מהלך וואו מיר טוען צוזאמען אויסרופן דעם ה' הוא האלוקים, און חלילה וחלילה נישט מזלזל זיין אין דעם וואסער שעפער'ס עבודה וואס איז נישט ווייניגער וויכטיג אדער חשוב ווי דער גרויסער מענטש.

לאמיר זיך אפשטעלן און מתבונן זיין אויפן האלץ האקער און וואסער שעפער,ביידע ארבעטן פיזיש שווער, און בדרך כלל ווערט זייער ארבעט באטראכט ווי א נעבעכדיגע סארט ארבעט וואס איז בכלל נישט אינטערסאנט, אבער אז מען טראכט אריין אין די טיפקייט, איז דער וואסער שעפער דער וואס ברענגט חיות פאר די וועלט, אָן וואסער קען די וועלט נישט אָנגיין, און אָן האָלץ קען מען נישט קאָכן, הייצן וואס דאס זענען די גרעסטע יסודות'דיגע זאכן וואס מיר דארפן פארן טעגליכן לעבן. אבער אז מען זאל אפשטעלן דעם האלץ האקער און אים פרעגן, וועט ער זאגן "איך בין עפעס ספעציעל?!" איך ארבעט פשוט צו ברענגן א פיאסטער אויפן טיש, אבער אז מען טראכט אריין ליגט אין זיין ארבעט זייער אסאך, אסאך מער פון אנדערע, ער איז א וויכטיגע חלק פון די קיום העולם, פון צושטעלן ווארימקייט און וואסער פאר די וועלט. אט דאס איז דער יסוד וואס די תורה הק' לערנט אונז, ס'זענען פארהאן די ראשיכם, די הויפטן וואס זייער ארבעט איז משפיע צו זיין פאר די וועלט אין א בחינה פון הויפטן, וואס דאס מיינט אז יעדער קען זעהן אז זיי זענען משפיע און טוען אנפירן, אבער דערנאך זענען פארהאן די היילגע האלץ האקער און וואסער שעפער וואס בפשטות זענען זיי די פשוטע חברה וואס טוען נישט עפעס אזוי געוואלדיג, קומט אבער אונזער רבי און מאכט עס גאר קלאר אז מיר זענען אלע אויף דעם זעלבן פלאץ ווען ס'קומט צום בורא עולם, ווען ס'קומט צו דעם אתם נצבים 'היום' וואס איז מרמז אויף ראש השנה שטייען מיר אלע אינאיינעם און זוכן און פראבירן אלע ממליך צו זיין כבוד ה' איבער די גאנצע וועלט.

און עס גייט נאך פיל טיפער פון דעם. ווען דער אידעלע איז אמת'דיג מיט זיך אליין, וועט ער גאנץ קלאר באמערקן אז אפילו אויב איז ער פון די וואס זענען געשטעלט געווארן צו זיין פון די 'ראשיכם' פון די חלק וואס איז זוכה משפיע צו זיין און טוהן פאר אנדערע, האט ער אבער אין זיך אויך אזא חלק 'וואסער טרעגער' אדער 'האלץ האקער', ווייל אין יעדע מענטש מאכט זיך צייטן ווען מיר שפירן אויסגעמאטערט, נידערגעשלאגן, און מיר זענען נישט אמת'דיג מחשיב אונזער עבודה. צומאל פארגעסן מיר אז אונזער פשוטע שמייכל, אונזער גוט ווארט פאר יענעם, אונזערע קליינע גוטע הנהגות און אונזער פשוטע מציאות איז די גרעסטע כבוד שמים, און יעדער איינציגסטער איד איז עפעס וואס די וועלט קוקט ארויף אויף.

און דאס איז אונזער הויפט עבודה אין די יעצטיגע היילגע טעג, און אין די ימים נוראים הבאים עלינו לטובה, ווי חז"ל זאגן **"אמר הקב"ה אִמרו לפני בראש השנה מלכיות זכרונות ושופרות, מלכיות כדי שתמליכוני עליכם"**, מיר זאלן פשוט ממליך זיין דעם אייבשטער אויף אונז, וויסן און אנערקענען אז מיר זענען עובדי השם, און אין יעדע טריט און שריט איז דא טייערע דיימאנטן פון עבודת השי"ת.

מיט דעם קומען מיר צוריק צו די ווערטער פון רש"י, לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים וכו' הוריקו פניהם ואמרו מי יוכל לעמוד באלו, און ווי מיר האבן מדייק געווען, שטייט דא א לשון אז זייער פנים איז 'גרין געווארן' פון שרעק, א לשון וואס ברענגט ארויס אויף א מענטש אז ער איז קראנק און שוואך און זיין פנים זעהט אויס שלעכט (זעה שולחן ערוך או"ח סי' תרי"ז). און דאס האט דא פאסירט וויבאלד די אידן האבן אנגעהויבן מרגיש צו זיין צוקלאפט און צובראכן אז זיי האבן אפילו נישט קיין שאנס ח"ו, זיי האבן געשפירט אז עבודת השי"ת איז אזא גרויסע און שווערע זאך ח"ו, און ווער וועט דען קענען אנקומען צום ציל, און ממילא איז זיי שלעכט געווארן הערנדיג די אלע קללות וואס וועט קומען אויב מ'דינט נישט דעם אייבישטער.

אבער משה רבינו דער געטרייע פאסטוך בארואיגט די אידן, און ער זאגט זיי דעם אמת, **אתם נצבים היום - כיום הזה שהוא קיים והוא מאפיל ומאיר**, פונקט ווי די 'טאג' פארמאגט אין זיך ביידע, ס'איז דא טונקלקייט און ליכטיגקייט, און ביידע צוזאמען שטעלן אהער די ריכטיגע שלימות פון א 'יום', ווייל כדי צו האבן א גאנצע טאג מוז מען האבן סיי די נאכט און סיי די טאג, און יעדע חלק האט זיך זיינע מעלות און אָן דעם קען די וועלט נישט עקזיסטירן, לדוגמא, די נאכט איז א צייט פון מנוחה און אנזאמלען פרישע כוחות פאר מארגן, און ווי נישט גוט וואלט געווען ווען מיר האבן דאס נישט. אזוי אויך טאר א איד נישט אונטערשאצן זיין עבודה, ער טאר עס נישט האלטן ביליג און טראכטן אז זיין עבודה איז נישט חשוב. און אז א איד ווייסט אז ער איז פון די וואס שטייען **לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם** וואס דארט זענען אלע וויכטיג און חשוב, נישט קיין חילוק אויב ס'איז די **רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם** אדער דער **חֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ** וגו' ווייל אלע זענען אזיווי דער יום וואס פארמאגט אין זיך אלע סארטן, אמאל איז וויכטיג טונקלקייט און אמאל ליכטיגקייט, דאן האט ער שוין נישט וואס מורא צו האבן פון די קללות און די תוכחה, ווייל ער ווייסט אז נישט איהם מיינט מען דערמיט, ער איז יא א עובד ה' און ער איז נישט אנדערש ווי די **רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל.**

ווי זיס ווערט מיט דעם די המשך הפרשה, ווען מיר קוקן אין די פסוקים וואס אונזער הייליגע רבי לערנט אונז: **כִּי הַמִּצְוָה הַזֹּאת וגו' לֹא נִפְלֵאת הִוא מִמְּךָ וְלֹא רְחֹקָה הִוא. לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ וגו' וְלֹא מֵעֵבֶר לַיָּם הִוא וגו' כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד...** און ווי רש"י זאגט "לא בשמים הוא - שאילו היתה בשמים היית צריך לעלות אחריה וללמדה", ווען די תורה וואלט געווען אין הימל וואלטן מיר געווען מחוייב צו קריכן ביז דארט און עס נעמען (און מן הסתם וואלטן מיר זיך אן עצה געגעבן) אבער די מציאות איז בכלל נישט אזוי - זאגט אונז משה רבינו - די תורה איז נישט הויעך, זי איז נישט ווייט, מ'דארף נישט ארייַנשפרינגען אין ים אריין צו קענען דינען דעם אייבישטער. **כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד** די זאך איז זייער נאנט צו דיר, ס'איז בכלל נישט גרויס אדער שווער, מ'רעדט טאקע פון די טאג טעגליכע קליינינגקייטן וואס מיר אלע טוען און קענען טוהן, **בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ**, מיט אביסל הארץ אדער ווערטער פון מויל, קען יעדער האלץ האקער אדער וואסער שעפער זיין א אמת'ע עובד השי"ת.

און באלד דערנאך זאגט די תורה הק' די תורה הקדושה באפעלט, **רְאֵה נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַיּוֹם אֶת הַחַיִּים וְאֶת הַטּוֹב... "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים"** ווי דער טאטע וואס רעדט צו זיין זוהן און בעט זיך ביי אים צו נעמען די בעסטע חלק, צו נעמען די חיים און די טוב. איי וועט מען פרעגן פארוואס דארף מען צורעדן א איד צו אויסוועלן לעבן, וויבאלד דער יצר פארבלענדט אים די אויגן און רעדט אים איין אז דאס וואס ער פארמאגט דאס איז נישט קיין חיים, דאס איז צו קליין צו זיין ברכה און טוב, דער יצר הרע וויל אז ער זאל זוכן גרעסערע גליקן, אז נאר די סארט עבודה פון רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם איז חשוב אין הימל, אבער דו קליינע מענטש וואס האסטו א השגה בכלל וואס איז די אמת'דיגע חיים וואס די תורה פארלאנגט... דער יצר הרע וויל מאכן אז ס'זאל זיין הוריקו פניהם, א איד זאל פילן אינגאנצן צוקלאפט און מיואש אז דאס וואס ער טוט איז גארנישט. און טאקע דערפאר בעט זיך אבינו שבשמים ביי אונז, האב שכל! מאך די ריכטיגע באשלוס, **וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים**, ווייס דיין חשיבות, טו יא די קליניקייטן וואס דו טוסט, ווייס און אנערקען אז דיין גאנצע חיים איז איין שטיק כבוד שמים, וואס דו טוסט אלס אויף און ביסט משפיע אויף אנדערע, וויפיל מענטשן לערנען זיך אפ פון דיינע קליינע גוטע טריט, אמאל אפילו בהיסח הדעת, נישט יענער ווייסט און נישט דו באמערקסט וואס דו האסט אלס אויפגעטוהן מיט איין קליינע פעולה לטובה.

מיר האבן שוין ביי א געלעגנהייט דערמאנט די ווערטער פון חז"ל, וואס איז כדאי צו חזר'ן. די גמרא דערציילט אין מסכת עבודה זרה (דף י"ז.) אז ס'איז געווען א באקאנטע בעל עבירה מיט'ן נאמען ר' אלעזר בן דורדיא, וואס ער פלעגט זינדיגן אויף א שרעקליכע פארנעם, ביז איין טאג האט עס אים אנגעכאפט אז ער איז ח"ו שוין אינגאנצן פארפאלן און ער קען שוין נישט קיין תשובה טון. דערציילט די גמרא: הלך וישב בין שני הרים וגבעות, אמר הרים וגבעות בקשו עלי רחמים, אמרו לו עד שאנו מבקשים עליך נבקש על עצמנו... אמר שמים וארץ בקשו עלי רחמים, אמרו עד שאנו מבקשים עליך נבקש על עצמנו... אמר חמה ולבנה בקשו עלי רחמים, אמרו לו עד שאנו מבקשים עליך נבקש על עצמנו, אמר כוכבים ומזלות בקשו עלי רחמים, אמרו לו עד שאנו מבקשים עליך נבקש על עצמנו.. **אמר אין הדבר תלוי אלא בי**, הניח ראשו בין ברכיו וגעה בבכיה עד שיצתה נשמתו, יצתה בת קול ואמרה ר' אלעזר בן דורדיא מזומן לחיי העולם הבא.

בדרך רמז דערהערט מען אין די מעשה א געוואלדיגע נקודה, ר' אלעזר בן דורדיא האט געוואלט תשובה טוהן, אבער ער האט געהאט דעם זעלבן טעות וואס די אידן האבן געהאט ווען זיי האבן געהערט די תוכחה, ר' אלעזר בן דורדיא האט געמיינט אז מ'דארף טוהן 'גרויסע זאכן' צו ווערן נאנט צום אייבישטער. ווי ס'איז מרומז אין זיינע ווערטער, ער האט זיך געוואנדן צו די 'הרים וגבעות' די גרויסע בערג אז זיי זאלן אים העלפן תשובה טוהן, אדער גאר 'שמים וארץ' די הימל און ערד, די 'חמה ולבנה' און אפילו די שטערנס, ווייל אין זיינע אויגן קענען בלויז די גרויסע מענטשן מיט די גרויסע מעשים דינען הקב"ה, אנדערש איז נישטא קיין וועג. ביז ער האט זוכה געווען צוצוקומען צום אמת'דיגע מסקנא אז **"אין הדבר תלוי אלא בי"**, דער אייבישטער וויל פון מיר וואס 'איך' קען, מיר אזוויו איך שטיי און גיי, א האלץ האקער אדער א וואסער שעפער, גארנישט אנדערש! דער באשעפער וויל די עבודה פון ר' אלעזר בן דורדיא, און זוכט נישט הימל און ערד אדער הויכע בערג זאלן ארויסהעלפן, אין הימל קוועלט מען פון מיר אליין און פון וואס איך קען טוהן מיט מיינע כוחות און השגות. אה, און ווי נאר ר' אלעזר בן דורדיא האט דאס דערהערט און אראפגעלייגט זיין קאפ און געוויינט מיט א ריכטיגע געפיל פון תשובה פון די טיפעניש פון זיין הארץ, די הארץ פון א בעל עבירה און א חוטא, תיכף איז ארויסגעקומען א בת קול און אים איינגעלאדענט לחיי העולם הבא אינאיינעם מיט אלע צדיקים און גדולים.

צום שלוס לאמיר מסיים זיין מיט פלאם פייערדיגע ווערטער וואס עס האט פארשריבן פאר זיך אליין **דער פיאסעצנער רבי הרה"ק רבי קלונימוס קלמיש שפירא זי"ע** - דער חובת התלמידים (אין זיין ספר צו וזירוז) וואו ער מאכט זיך א שטיקל חשבון הנפש ווען ער איז געווארן פערציג יאר אלט. און אט אזוי גיסט ער אויס זיין הארץ אויפן פאפיר:

**"ברוך ה' נכנסתי כבר בשנת הארבעים לימי חיי ובעוד איזה חודשים אהיה אי"ה בן ארבעים שלימים... לבי ירא ויפחד. לא מן הליכות שנותי כל כך אני מפרכס, כי לכך נוצרתי, רק מן דלות שנותי, שעברו ועוברות בדלות וריקות... ומה אקבל עלי ללמוד יותר? כמדומני שמה שאפשר לי שלא ללכת בטל – אינני הולך בטל. להתרחק מן התאוות – אם אין יצרי מרמה אותי, ברוך ה' איני משועבד כל כך לתאווה גופנית חס ושלום"**. אין קורצן, ער שפירט ביי זיך אז ער נוצט אויס די צייט, ער איז נישט פארזונקען אין תאוות ח"ו, נאר וואס דען? הערט:

**ומה חסר לי? פשוט להיות יהודי, חסר לי! דומה אני בעיני כצורת אדם מצויירת, שהכל בה, הגוונים, הצורה וכו'. רק אחת חסרה, הנשמה חסרה.** איך שפיר ווי ס'פעלט מיר פשוט צו זיין א איד! איך בין ווי א אפגעמאָלן בילד, ס'איז שיין און הערליך געפארבט, אבער ס'האט נישט קיין נשמה... **רבונו של עולם צופה ומביט כל נעלם, לפניך אתוודה ומלפניך אתחנן... פשוט רוצה אני מעתה להתגייר, ולהיות מעתה יהודי. ריבונו של עולם הושיעני, קרב אותי אליך והכניסני היכל לפנים מהיכל. קשור אותי אליך לעולם ועד.** געוואלד! ער וויל זיך פשוט מגייר זיין און 'ווערן א איד' פון היינט און ווייטער. אסאך מאל קען מען אלעס פארמאגן, מ'דארף נאר בלויז ווערן א איד און זיך נעמען דינען דעם בורא... די הייליגע ווערטער דארפן מיר לערנען איינמאל און נאכאמאל, האלטן פאר די אויגן, רבש"ע איך וויל זיין א פשוטע איד!! ויה"ר אז מיר זאלן טאקע אנערקענען און איינזען די געוואלדיגע חשיבות פון יעדע קליניקייט וואס מיר טוען, און אט זאלן מיר שוין זוכה זיין צו דאס וואס מיר ווארטן שוין אזוי לאנג, כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, בביאת מלך המשיח בב"א.

לסיכום געדענק:

- יעדער מענטש איז א משפיע און טוט אויף ארום זיך גאר אסאך.
- עבודת ה' איז נישט דווקא גרויסע זאכן, אדרבה, יעדע קליניקייט איז חשוב און טייער.
- דער האלץ האקער און וואסער שעפער האבן אין זיך די חשיבות ווי גרויסע אידן, מ'דארף עס אנערקענען.

א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com